ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתק"נ
פרשת ראה
שנת תשפ"ו לפ"ק

## גליון מיוחד לקראת יומא דהילולא של כ"ק מרן רביה"ק הדברי יואל זיעועכי"א – כ"ו מנחם אב תשפ"ו לפ"ק

ז' תתקפה) עס דערציילט אונז

### הגאון הגדול רבי חיים אורי פריינד שליט"א – חבר הביד"צ ירושלים עיה"ק

### דעם רבי'נס ברכת התורה אלס קינד...

(זכינו להגיש הספרים "שבת ביים רבי'ן" "א טאג ביים רבי'ן" לפני הדר"ג שליט"א, כאשר הרב שליט"א עיין בהסכמת הביד"צ על הספר חזר על לשונם שכותבים "**בכוחו ובזכותו מחזיקים אנו מעמד בארה"ק תחת שלטון עריצים וממשלת זדון**"...)

**מיר לעבן דא אין ירושלים נאר מיטן כח פונעם סאטמארער רב זלה"ה.**

**עס איז קלאר אז אלעס וואס איז דא איז בזכותו פונעם סאטמארער רב, ער האט אלעס אויפגעהאלטן, ווען נישט ער וואלט דא גארנישט געווען, בזכותו אנו חיים".**

איך בין געווען ביים רבי'ן סיי דא אין ירושלים, סיי אין אמעריקע, איך בין אויך געפארן צום רבי'ן אין די שווערע יארן קיין 'בעלל הארבער'.

ב. איך בין געווען ביי די גרויסע דרשה וואס דער רבי האט געזאגט אין די 'אונגארישע שוהל' בשנת תשט"ו בנוגע די בחירות.

עס איז געווען גאר שווערע צייטן, עס איז געווארן אזא פירוד. מתחילה ווען דער רבי איז געווען דאהי (בשנת תש"ו) פלעגן מיר גיין צום רבי'ן, שפעטער ווען דער רבי איז אוועק געפארן קיין אמעריקע פלעגן מיר יעדן שבת גיין קיין בעלזא, קיין קטמון, אין די זומער חדשים ווען דער בעלזער רב איז דאהי געווען.

ג. דער סאטמארער רב פלעגט דאווענען מנחה אזוי שפעט.

עס איז געווען ווען עמיצער איז אריינגעקומען צום סאטמארער רב, און ער האט געוואלט עפעס רעדן באריכות, און דער סאטמארער רב האט געזאגט אז ער קען נישט מאריך זיין ווייל ער האלט נאך פאר מנחה. יענער האט זיך געוואונדערט, ער האט שוין געהאלטן נאך מעריב... וואו קען מען נאך יעצט האלטן פאר מנחה.

זאגט אים דער סאטמארער רב **"מיר מוטשענען זיך צו מאכן פון נאכט, טאג, איר מוטשעט זיך צו מאכן פון טאג, נאכט"...**

ד. איך האב געהערט דערציילן אז דער **ערוגת הבושם** ז"ל האט זיך אמאל באגעגנט אויפן באן מיט **מרן הקדושת יו"ט** ז"ל, און דער רבי - **מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע** – איז אויך דארט געווען אלס קינד.

האט דער קדושת יו"ט איהם געבעטן "רעדט אין לערנען מיט מיין יואל'יש". האט ער געפרעגט דעם רבי'ן "וואס לערנסטו? האט ער געענטפערט "הלכות טוען ונטען" אין שו"ע חו"מ, האט ער גערעדט מיט אים אין די הלכות, און ער האט געזאגט "פלאי פלאים, פלאי פלאים" ער האט נישט געקענט באגרייפן ווי אזוי א אינגל זאל אזוי קענען די שווערע מקצועות.

האט אים דער קדושת יו"ט געזאגט **"ווען איר וואלט ווען געזעהן ווי מיין יואלי'של זאגט יעדן טאג ברכת התורה און אהבה רבה, וואלט אייך שוין גארנישט געווען קיין וואונדער".** (משיח"ק להמערכת - עש"ק חו"ב תשפ"ו)

ז' תתקפו) עס דערציילט אונז

### כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף שליט"א ירושלים עיה"ק

### זכרתי ימים מקדם

איך בין געווען אין אמעריקע תשי"ז במשך ווינטער, ווען מיין טאטע ז"ל - **כ"ק אאמו"ר הרה"ק מקרעטשניף זלה"ה** – איז דאהי געווען במשך עטליכע חדשים, איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן די באוואוסטע "**וישלח תורה" ביים סאטמארער רב זכרונו לברכה.**

א. דאס ערשטע מאל וואס איך בין געווען ביים רבי'ן, איז געווען חול המועד תשי"ז, אין קליינעם בית המדרש'ל אין קליימער סט. און נאכדעם הושענא רבה אין גרויסן בית המדרש.

יענעם יאר איז אויסגעפאלן הושענא רבה פרייטאג. מ'האט געענדיגט ארום 20 מינוט פאר'ן זמן. דעמאלטס האט מען אויסגערופן אינמיטן די דרשה אז די נשים זאלן אהיימגיין לעכט צינדן.

ביי יענע דרשה הושענא רבה איז געווען אזעלכע בכיות אין בית המדרש - איך זעה נישט מ'זאל עס באשרייבן ערגעץ וואו - ס'איז געווארן אזעלכע יללות אין בית המדרש, ס'איז געווען סכנת נפשות ממש.

וואס איז געווען? ! דער רבי האט געגעבן א זאג ארויס א דיבור, א אומגעווענליכער דיבור וואס מ'האט קיינמאל נישט געהערט פון אים.

ער האט געגעבן א שריי אינמיטן די דרשה **"דער עולם זאל מתפלל זיין פאר מיר אז איך זאל נישט בלייבן קיין עץ יבש"**... איז געווארן אזעלכע יללות אין בית המדרש, אז מ'קען זיך דאס נישט פארשטעלן, וואסערע יללות איז געווארן אין בית המדרש פון דעם ווארט.

געזאגט האט מען דעמאלטס אז דער רבי איז יענעם יאר אלט געווארן זיבעציג יאר, אזוי האט מען עפעס גערעדט.

ב. כ"ט שבט - דער טאג פונעם יארצייט פונעם קדושת יו"ט - איז מיין טאטע זלה"ה געגאנגען זיך געזעגענען אינדערפרי פארן דאווענען. דער רבי האט אים אריינגעלאזט אינדערפרי פארן דאווענען, ווייל אין יענעם טאג איז ער אוועק געפארן קיין ארץ ישראל.

דער רבי איז דעמאלטס געשטאנען און געשמועסט מיט אים שטייענדיג אויף די פיס מיטן הוילן וועסטל, צוויי שעה רצוף. איך בין אויך געשטאנען דארט דערנעבן.

ג. איך האב אויך זוכה געווען צו הערן פונעם רבי'ן א אינטערעסאנטער אויסדרוק בנוגע מיין מחותן **כ"ק מרן רבינו שליט"א.**

עס איז געווען שב"ק שקלים תשל"ד, עס איז געפאלן פרשת תרומה, דער רבי איז אהיימגעקומען פון בעלל הארבער. הרה"ח ר' שלמה קלאגסברוין הי"ו האט געהאט זיין זיץ אין די ערשטע שורה אונטער די בימה דארט אין וויליאמסבורג אין ראדני סט. און ער האט מיך אריינגעזעצט אין זיין פלאץ.

דאס איז געווען ממש אונטער'ן רוקן פונעם סאטמארער רב זכרונו לברכה ביי קריאת התורה. דאס הייסט, איך בין געווען ממש סמוך אונטער אים, ווייל ער איז געזעסן אויף די באנק, הרה"ח ר' אברהמ'עלע ווערצבערגער ע"ה איז געווען דער בעל קורא, און דער רבי איז געזעסן אויף די באנק, און איך בין געזעסן אונטער אים ממש, און איך האב געהערט יעדעס ווארט וואס ער האט גערעדט.

דער מחותן מיינער, דער סאטמארער רבי שליט"א האט עולה געווען 'ששי', רבי אברהם האט אויסגעלאזט די קריאה מיט די ווערטער **"לשאת את השולחן"**.

דער סאטמארער רב גיט א ציה דעם טלית פאר ר' אברהמ'עלע ווערצבערגער, אזוי מיט א שמייכל **"שיין, פירן טיש"... שיין פירן טיש"...** ס'איז געווען אזוי, זייער, זייער, זייער שמייכלדיג, זייער בא'טעמ'ט.

ס'איז דעמאלטס געווען זיבן אויפרופן, 7 חתנים יענעם שבת. (מתוך שיח"ק להמערכת ב' מטו"מ תשפ"ו)

ז' תתקפז) עס דערציילט אונזער זיידע

### כ"ק אדמו"ר מגארליץ שליט"א

### על ידי דו"ד צדיקך (א)

נאך מיין חתונה ווען איך האב געוואוינט אין ירושלים עיה"ק האב איך זוכה געווען צו א קירבה יתירה ביי ש"ב **הגה"ק רבי דוד יונגרייז זצוק"ל ראב"ד ירושלים עיה"ק.** (רבי דוד בן הגה"צ רבי ראובן שלמה זצ"ל, בן הגה"ק רבי משה יונגרייז אב"ד קאשוי זצ"ל, בן הגה"ק רבי שרגא פייש זצ"ל, א ברודער מיט אונזער גרויסן זיידן הגה"ק מופת הדור בעל מנוחת אשר מטשענגער זצוק"ל).

דער ראב"ד איז געווען א גאון עולם, א צדיק יסוד עולם, א מקובל, און א מורם מעם א בעל מדריגה וואס איז שווער לספר בשבחו. ער האט געקענט בעל פה כל התורה כולה בבלי און ירושלמי אויפן לשון, ווי אויך איז ער געווען בקי אין אלע מדרשי חז"ל, הונדערטער ספרים, תשובות להלכה, ודברי הפוסקים, און אויך די 'שער בלעטער', מיט די הסכמות...

ווען **כ"ק מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה** האט געשמועסט מיט אים אין לערנען, און זעהנדיג זיין מבהיל'דיגע בקיאות בכל חלקי התורה, האט ער געזאגט **"א שאד איך האב אים נישט געהאט מיט מיר בשעת'ן שרייבן דעם "ויואל משה", ער וואלט מיר געקענט אסאך ארויסהעלפן"...**

אויף די עלטערע יארן האט ער געליטן אויפן הארץ, און ער האט נישט געקענט ארויסגיין פון שטוב. די איינציגסטע זאך וואס זיין דאקטער האט איהם ערלויבט איז געווען דאס גיין צום 'בית דין' צוויי מאל א וואך, זעהנדיג אז דאס איז זיין לעבן.

יעדע וואך שבת האט ער געפירט שלש סעודות ביי זיך אין שטוב.

נתנדב לעילו נשמת הרה"ג ר' **מאיר צבי** ב"ר **יהודה ארי'** ז"ל (גרינבוים) • מח"ס **צדיקים** קרוין **חיים** • היארצייט כ"ב מנחם אב

איך פלעג ארויפקומען צו איהם כמעט יעדן טאג אויפן וועג אהיים פון כולל אים צו זאגן א גוטן טאג, ווייל ער האט מיר אמאל פארציילט אז הגה"ק **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** זלה"ה האט אים דערציילט אז ער פלעגט יעדן טאג ארויפגיין צו זיין רבי'ן הגה"ק **רבי יושע לייב דיסקין** זלה"ה **דער בריסקער רב** זאגן 'א גוט מארגן', זאגנדיג **"גדולה שימושה יותר מלימודה"...**

ווי אויך פלעג איך פרייטאג צונאכטס ארויפגיין זאגן 'גוט שבת', אזוי אויך פלעג איך קומען יעדע וואך צו שלש סעודות, ער פלעגט מיך זעצן נעבן אים, אלס נאנטער קרוב משפחה.

ער האט ליידער נישט זוכה געווען צו אייגענע קינדער, האט ער זיך עקסטער אפגעגעבן מיט די קרובי משפחה, און במשך עטליכע יאר האב איך זוכה געווען צו זיין ביי איהם אין שטוב כמעט מידי יום ביומו.

בחסדי ה' האב איך זוכה געווען צו מיטלעבן במחיצתו גאר אסאך געהויבענע זאכן, וואס איז כדאי לספר לדור אחרון זיך אפצולערנען פון דעם צדיק.

אמרתי אספרה עטליכע שטארקע ענינים וואס איך האב מיטגעהאלטן בביתו נאוה קודש:

א. ווען איך בין א חתן געווארן בשנת תשכ"ט, איז מיין טאטע **הגה"צ רבי אלעזר ארי'** זלה"ה **אב"ד טשענגער** געקומען קיין ארץ ישראל, און מיר זענען ארויפגעגאנגען לבקר במחיצתו פונעם גרויסן קרוב משפחה דער ראש בי"ד זלה"ה.

ווען מיין טאטע איז אריינגעקומען צו איהם אין שטוב, האט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין פלאץ בראש השולחן און ער האט זיך געזעצט אין די זייט, און געהייסן מיין טאטן זיך זעצן אויף זיין פלאץ זאגנדיג **"איר זענט אן אייניקל פון היילגן מנוחת אשר בן אחר בן, און אויך אן אייניקל פון גרויסן גאון מהר"ם בנעט, און איך נישט"**.

ב. תחת אחת השיחי"ם ביי איינע פון די באזוכן, האט מיין טאטע זצ"ל געפרעגט פון רבי דוד, היות ער איז שוין נישט געווען אסאך יארן ביים ציון פון זיינע עלטערן, וכידוע ווערט געברענגט אין די פוסקים א הארבער לשון אויב מ'איז נישט געווען זיבן יאר אויף קברי אבות, האט ער געפרעגט וואס צו טוהן.

נאכן איבערשמועסן דאס ענין, האט מיין טאטע דערציילט פאר רבי דוד אז מ'טראגט מיר אן א שידוך פון אר"י, וואס איך וועל דארפן בלייבן וואוינען אין ארץ ישראל.

האט רבי דוד געפרעגט **"פון וואו וועט ער דא לעבן?"**.

האט מיין טאטע געזאגט "דער אייבערשטער וועט העלפן"...

פלוצלונג איז געווארן נשתנה צורתו, ופנים חדשות באו לכאן, און מיט א להב אש קודש האט ער געזאגט "הערט מיך אויס טשענגער רב, די גמרא זאגט אין בבא בתרא (נז ע"ב) אויפן פסוק (ישעי' לג, טו) ועוצם עיניו מראות ברע, זה שאינו מסתכל בנשים בשעה שעומדות על הכביסה, אויב איינער היט זיך אפ די אויגן און ער קוקט נישט בשעה שנשים עומדות על הכביסה. פרעגט די גמרא 'היכי דמי, אי דאיכא דרכא אחריתא רשע הוא, זאגט די רשב"ם 'אף על פי שעוצם עיניו', ווייל א מענטש טאר זיך נישט אריין שטעלן אין א נסיון, און אויב יא "רשע הוא".

רבי דוד האט נאכאמאל איבערגעזאגט דעם מאמר חז"ל מיטן רשב"ם, און ווען ער האט געזאגט די ווערטער **"אז א מענטש שטעלט זיך אליין אריין אין א נסיון רשע הוא!"**, האט ער זיך אזוי צושריגן אז מ'האט געמיינט אז דער דאך פאלט אראפ...

עס זענען דארט געווען נאנטע בני משפחה אין א צווייטן שטוב, וואס האבן זיך דערשראקן הערנדיג אים שרייען 'רשע הוא !', אז זיי זענען געקומען צו לויפן זעהן וואס איז געשעהן...

נאך היינט ווען איך דערמאן זיך דעם מחזה ווי פון איין רגע צום צווייטן, פון אזא ליבליכע שמועס האט ער זיך אזוי צעפייערט מיט די ווערטער 'רשע הוא', אויף נהנה זיין פון די שלטון הכופרים, אז עס גייט מיר נישט ארויס פון די ביינער.

דערנאך האט רבי דוד צוריק ממשיך געווען בנעימות לשונו **"נאר וואס דען טשענגער רב, איך פארלאז זיך אויף אייך אז איר וועט זיכער מאכן אז איר וועט אים שיקן גענוג געלט אז ער זאל נישט האבן קיין שום נסיון צו נעמען געלט פון די מדינה"...**

**"ווידער איבער אייער שאלה צי מ'קען פארן אויף קברי אבות, דער סאטמארער רב וועט בקרוב געזונט ווערן, וועט איר איהם פרעגן די שאלה"...**

ג. אלס חתן האט ער מיר אמאל געזאגט דברי הדרכה, בתוך הדברים האט ער מיר געזאגט "נאכ'ן חתונה זאלסטו אכטונג געבן נישט אנשטרענגען דיין פרוי מיט די שטוב ארבעט, ווייל רבינו יונה ברענגט אין שערי תשובה (פרק ג') אז עס איז א לאו דאורייתא פון לא תרדה בו בפרך".

ד. איינמאל זייענדיג אין שטוב האב איך אים געזאגט "רבי, איך וויל פרעגן א שאלה, מ'מעג גיין צום כותל ? !".

זאגט ער מיר **"וואס איז די שאלה?! דער רב האט דאך געזאגט אז נישט"...**

**"ומי לנו גדול ממנו בחכמה ובמנין שיוכל לבטל דבריו"**.

ז' תתקפה) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ח ר' אשר אנשיל בוקסבוים הי"ו**

## וויי אזוי האט דער רבי געשריבן דעם ספה"ק "על הגאולה ועל התמורה"

עס איז געווען זומער תשכ"ז, ווען מיין טאטע הרה"ח ר' שמואל ע"ה און מיין מאמע ע"ה, זענען ארויסגעפארן קיין שראן ספרינגס אויף אפרוה. אין יענע תקופה האט זיך דארט אויך געפונען **כ"ק מרן רביה"ק זכותו יגן עלינו**, ווי יעדן יאר זומער.

יענע תקופה האט הרבני הנגיד ר' לייבוש לעפקאוויטש ע"ה חתונה געמאכט זיין זון הרה"ח ר' אברהם הי"ו אין מאנטריאל. דער 'שבת באווארפן' איז געווען ביים רבי'ן אין שראן ספרינגס. און די חתונה איז געווען אינמיטן די וואך.

די רביצין ע"ה האט געוואלט פארן צו די חתונה קיין מאנטריאל, און היות די מחותנת'טע - אשת הרה"ח ר' משה יושע צאנגער ע"ה - איז געווען אן ערשטע קאזין מיט מיין מאמע ע"ה, האט די רביצין ע"ה געבעטן מיין מאמע ע"ה אז זי זאל איר באגלייטן צו די חתונה קיין מאנטריאל. און זיי זענען טאקע געפארן אינאיינעם, און צוריק אנגעקומען אהיים קיין שראן ספרינגס דריי אזייגער פארטאגס.

מיינע עלטערן זענען איינגעשטאנען אויבן אויפן בארג, אינעם האטעל פון די ישיבה 'אורח חיים' פון הרה"ח ר' מענדל גרשון פעלדמאן ע"ה, און דעם רבי'נס דירה און ביהמ"ד איז געווען אונטן דעם בארג.

מיין מאמע האט זיך געדוכט אז זי הערט פון ערגעץ א געוויין, האט זי זיך זייער דערשראקן. זי האט זיך אומגעקוקט פון וואו דאס געוויין קומט, עס איז געווען שטאק פינסטער דער גאנצער ארום, נאר פון רבי'נס ביהמ"ד האט ארויסגעשיינט א ליכטיגקייט, איז זי אראפ דעם בארג צום ביהמ"ד, מען האט געקענט אריינקוקן שטייענדיג אינדרויסן, און זי האט געזען א מחזה נורא.

דער רבי זיצט ביים טיש און שרייבט, מזמן לזמן שטעלט ער זיך אויף, און גייט צו צום ארון קודש, און ער ברעכט אויס אין א הילכיגן געוויין, ווען בשעת מעשה זאגט ער ווערטער וואס זי האט בשום אופן נישט געקענט פארשטיין.

מיין מאמע האט זיך שוין פון דארט נישט געקענט אוועק רירן. קנאפע צוויי שעה איז זי דארט געשטאנען. ביז ווען עס האט אנגעהויבן צו ווערן ליכטיג - ווען די מחזה נורא חזר'ט זיך איבער איינמאל און נאכאמאל - דער רבי שרייבט און ער שטעלט זיך אויף, און ער איז ווייטער מתפלל בדמעות שליש מיט ביטערע געוויינען פארנט פון ארון קודש...

אינדערפרי האט זי פארציילט פאר איר ברודער, אונזער פעטער הרה"ח ר' יצחק לעווי ז"ל, וועלכער איז אויך געווען דארט אין שראן ספרינגס, די מורא'דיגע איבערלעבעניש וואס זי האט געזען די נאכט ביים רבי'ן.

האט איר ר' יצחק געזאגט: **"דער רבי איז יעצט עוסק אין שרייבן די הקדמה צום ספר הקדוש "על הגאולה ועל התמורה", ווי עס זעט זיך אויס, תוך כדי כתיבתו איז ער מתפלל און מעורר רחמי שמים אויף כלל ישראל, אז זיי זאלן זוכה זיין ניצול צו ווערן פון די ביטערע קליפה און די נסיונות הדור, אז ס'זאל בלייבן אן ערליכע כלל ישראל מיט די ריינע אמונה עד ביאת הגואל"...**

ז' תתקפט) עס דערציילט אונזער איידע

**הגה"צ רבי אברהם עקשטיין שליט"א אב"ד בוענאס איירעס**

## ניתנה רשות לרופא...

עס איז געווען בשנת תשל"ט, געציילטע חדשים בעפאר די הסתלקות פון **כ"ק מרן רביה"ק זי"ע**.

איז געווען א תלמידה פון בוענאס איירעס וואס האט געלערנט דא אין בית רחל אין ניו יארק, און מ'האט איר אנגעטראגן היימישע שידוכים. ומטבע הדברים בין איך געווען דער ממונה מצד די עלטערן צו באגלייטן די שידוכים מיט אחריות, אז עס זאל זיין כראוי.

צווישן די הצעות האט מען אנגעטראגן זייער א פאסיגע זאך, א חשוב'ן בחור, א ירא שמים ובעל מידות. ווען עס האט אנגעהויבן צו ווערן ערענסטער האב איך געפרעגט דעם טאטן פון דעם בחור צי דער בחור איז געזונט בשלימות.

דעם מהלך האב איך געלערנט ביי **כ"ק אאמו"ר הגה"צ אב"ד ור"מ בוענאס איירעס זלה"ה** ער פלעגט זיך פירן ווען ער האט געהאלטן ביים שליסן א שידוך, האט ער געזאגט פארן מחותן "מיין קינד איז געזונט, דיין קינד איז אויך געזונט ? !".

שפירנדיג דאס אחריות פאר די מדוברת, האב איך אויך אזוי געפרעגט. און איך האב פארשטאנען פון זיין תשובה אז דער בחור האט אלס קינד געהאט א געוויסע מיחוש וואס ער איז ב"ה אויסגעוואקסן.

הערנדיג די אינפארמאציע בין איך אריין - בשליחות פונעם טאטן - אל הקודש פנימה פרעגן דעם רבי'ן זיין חוו"ד ווי אזוי צו האנדלען מיט דעם שידוך. דער רבי ענטפערט מיר זייער קלאר **"נעם איהם צו א דאקטער, זיי מברר צי ער איז געזונט"**.

האב איך געפרעגט דעם רבי'ן "אויב דער דאקטער וועט מיר זאגן אז עס איז גוט זאל איך טוהן דעם שידוך ?". (איך האב געפרעגט די שאלה, וואוסנדיג אז די דאקטורים ענטפערן נישט אלעמאל גענוג אחריות'דיג דעם אמת, ממילא האב איך געוואלט האבן ברכת צדיק בכל אופן שיהי').

האט דער רבי געענטפערט **"אויב דער דאקטער זאגט אז ער איז געזונט זאלסטו טוהן דעם שידוך"**.

איך האב צוריק געברענגט דעם רבי'נס תשובה צום מחותן, אז איך וויל נעמען דעם בחור צום דאקטער. דער מחותן האט מסכים געווען, אבער דער בחור האט מתחילה נישט מסכים געווען צו גיין צום דאקטער. נאך צוויי וואכן, איז ער צוריק געקומען זאגן אז דער בחור איז מסכים צו גיין צום דאקטער.

מיר זענען געגאנגען צו א גרויסן מומחה וועלכער האט אים אונטערגעזוכט פון קאפ ביז פיס, און ער האט באשטעטיגט אז דער בחור איז געזונט און שטארק.

האב איך אים דאס געבעטן שריפטליך אויף א צעטל, און ער האט מיר דאס געגעבן אפגעשריבן. און דער שידוך איז געווארן בשטומ״צ.

ב״ה עס איז שוין דא אור-אייניקלעך פון דעם שידוך...

די הוראה פון רבי׳ן איז געבליבן נר לרגלי ביי פארשידענע אנדערע פעלער, און מיט דעם כח פונעם רבי׳נס הוראה, האב איך געהאט די שטאנדהאפט זיך צו פירן מיט דעם אופן ווי אזוי דער רבי האט אונז מדריך געווען, און ב״ה עס איז אויף דעם אופן אויפגעשטעלט געווארן חשוב׳ע בתים נאמנים בישראל.

ז׳ תתקצ) עס דערציילט אונזער יידע

**הרה״ג ר׳ משה הערש קליין שליט״א**

<u>**דעם רבי׳נס דרשה בעניני צניעות: קורץ און שארף!**</u>

עס איז געווען זומער תשכ״ו לפ״ק ווען מיין עלטערער ברודער הרה״ח ר׳ שמעון הי״ו פון ב.פ. האט חתונה געהאט בשטומ״צ.

מיין טאטע הרה״ח ר׳ ברוך ע״ה איז געקומען קיין אמעריקע צו די חתונה. און איך בין געבליבן אין ארץ ישראל. אין יענע תקופה האב איך געהאט צוטוהן מיטן מיליטער, און מיין טאטע ז״ל האט מיך מזכיר געווען ביים **רבי׳ן ז״ל.**

ווען מיין טאטע איז ארויס מן הקודש האט ער תיכף ומיד אפגעשריבן א בריוו מיט אלע פרטים וואס עס איז געווען ביים רבי׳ן, און ווי אזוי דער רבי האט רעאגירט צום גאנצן ענין פונעם מיליטער. באגלייט מיט נאך הערליכע ענינים פון יענעם שבת בצל הקודש.

איך געב דא איבער דעם תוכן פונעם בריוו:

סדר קרח, פה ברוקלין יצ״ו, תמוז תשכ״ו לפ״ק.

**לכבוד אהובי בני יקירי משה צבי נ״י**

כעת השעה 2:15 אחר חצות, ואני כעת נכנסתי אל הקודש פנימה, והצעתי **למרן שליט״א** את השאלות בקשר להגיוס שלך.

ומרן שליט״א שאל אותי איך המצב היום, האם הם משחררים מסיבות אלו של... אמרתי לו שאי אפשר לדעת בדיוק מה הם יגידו להמכתב של הרופא. ואחר כך אמרתי לו שהייתם אצל לויער, והוא אמר שהוא מקווה שהם כך ישחררו אותך מסיבות אלו.

בכל אופן, שאלתי את **כ״ק מרן שליט״א** אם תתייצב באופן כזה בלי שום נארישקייטן, ואז אמר לי תיכף **מרן שליט״א**, וגם חייך, געשמייכלט **שאם רק מתייצבים לגיוס, זה כבר נארישקייט.**

והעיקר, אחר שאלתי סגר את עיניו הקדושים, ואחר כמה דקות האט ער מיך אנגעוואונטשן **״שיהיה בהצלחה, ואיך שתעשה תצליח״.**

זה תוכן השיחה שגמרתי עכשיו, ותראה שאני ממהר לכתוב לך בלי להשהות, למרות שכבר מאוחר מאד.

בשבת קודש זה היה **א גרויסע שבת.** בליל שבת קודש ישבתי בשולחן במקום הרגיל שאני יושב, ולימיני יושבים הרבנים ושיינע אידן. בשב״ק התפלל **כ״ק מרן שליט״א** שחרית, הלל, מוסף, קריאת התורה, בלי עין הרע, אכט חתנים אויפרופן. לפני קריאת התורה אמר מרן שליט״א דרשה קצרה, **קורץ און שארף.**

הוא עלה על מדרגתו הקדושה ואמר: **רבותי, עס קומט די צייט פון די קאנטריס, מען זאל וויסן אז דער זעלבער רבונו של עולם איז דארט אזוי ווי דא, און מ׳זאל נישט חס ושלום מקיל זיין אין אלע ענינים.** כן נגע **מרן שליט״א** בפרט אחד של קורצע קליידער של הנשים והבנות, ואמר שזה נפרץ בזמן האחרון אפילו ביי הבתים החסידים ביותר. על כן הוא מזהיר, **כי מי שישלח את בתו לבית ספר שלנו בקורצע קליידער, וועט מען איר ארויסווארפן.**

ואמר **מרן שליט״א אז קורץ און שארף, אם זהו קורץ איז נאכדעם שארף.** שחס ושלום בא חרב לעולם. וזהו, **שארף א שווערד איז שארף.** וכן אמר הלאה, **איך זאג די דרשה זייער קורץ, אויב וועט איר מאכן די קליידער לאנג, און אויב איר וועט מאכן קורץ וועל איך זאגן לאנג.** ואחר כך אמר, **שפעם ידעו כשקונים בשר דארף מען עס כשר מאכן, והיום אם קונים שמלות דארף מען עס אויך כשר מאכן.**

זהו בערך תוכן הדרשה הקצרה שארכה עשר דקות.

העיקר, **מרן שליט״א** התפלל הלל ומוסף בהתלהבות עצומה ובהתרגשות גדולה, ובפרט במוסף. בשלש סעודות היה לי מקום, אבל מקום קשה, מ׳האט גוט געשוויצט, אבל אני אומר לך בני ׳אז עס איז אלעס כדאי׳.

העיקר, השם יתברך יעזור שתצליח בכל אשר תפנה. אסיים מכתבי בדרישת שלום לכל המשפחה. - אביכם **ברוך קליין.**

ז׳ תתקצא) עס דערציילט אונזער יידע

**הרה״ח ר׳ שמעון פריעדמאן הי״ו**

<u>מי יתנני ירחי קדם</u>

מיר האבן זוכה געווען במשך יארן צו זיין סמוך אל הקודש ביי **כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה**, און צוקוקן מראה כהן בעבודתו.

כ׳וועל דא איבערגעבן פארשידענע זכרונות וואס קומען ארויף אויפן זכרון קמא קמא דמטי לידן.

א. ביי אלע תפילות אינדערוואכן פלעגט דער רבי צושיקן דעם בעל תפילה צום עמוד. ווען ער האט צוגעשיקט א בחור, פלעגט ער זיכער מאכן אז ער זאל האבן א חתימת זקן. (איך געדענק אמאל ווען כ׳האב געדאווענט דא אין ביהמ״ד הגדול אין קרית יואל מיט הגה״ח ר׳ מרדכי דוד קאהן ז״ל, ווען עס איז צוגעגאנגען צום עמוד א יונגער בחור׳ל אן קיין חתימת זקן, האט ער מחמיר געווען און ער איז ארויסגעגאנגען פון דעם מנין, דאווענען מיט א צווייטן מנין).

ב. איינמאל האט דער רבי צוגעשיקט צום עמוד א בחור וואס האט געהאט די פיאות ארום דעם אויער. זאגט אם דער רבי אויף לשה״ק **״למה אתה מטמין הפיאות מאחורי האוזן? חששת שיגנבו אותם?!״...**

דער בחור האט פארשטאנען, און ער האט אראפגעלאזט די פיאות.

ג. איינמאל האט דער רבי צוגעשיקט צו מעריב הרה״ח ר׳ יעקב קליין ע״ה, א זון פון הגאון בעל תולדות שמואל ז״ל - ער איז געווען א שכן מיטן רבי׳ן אויף קליימער סט. - האט דער רבי אויסגערופן בדרך מליצה **״נו, יעקב תיקן תפילת ערבית״...**

ד. מ׳דערמאנט זיך ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן פרייטאג צונאכטס ווען דער רבי איז געקומען אין ביהמ״ד צו תפילת מנחה און קבלת שבת. ער פלעגט אריינקומען מיט שנעלע טריט, ער איז ממש אריינגעלאפן אין ביהמ״ד און צוגעגאנגען צום עמוד. די תפילת מנחה איז געווען מיט א מורא׳דיגע התעוררות און השתפכות הנפש, עס האט זיך ממש פארטייטשט די פירוש המילות מיטן הערן דעם רבי׳נס ווארימען דאווענען מיט אזא נעימות.

עס איז אמאל דא געווען א איד אין ביהמ״ד, און ער האט געהערט ווי דער רבי זאגט מיט זיין קול מעורר די ווערטער **׳הטוב כי לא כלו רחמיך, והמרחם כי לא תמו חסדיך, כי מעולם קוינו לך״**, האט ער געזאגט ׳כ׳האב קיינמאל נישט געוואוסט וואס פאר א טייערע ווערטער עס זענען דא אין שמונה עשרה, ביז איך האב דאס נישט געהערט פונעם רבי׳ן...

אזוי דערמאן איך זיך דעם רבי׳נס נוסח ביים אויסלאזן די פסוקי הלל **׳יהללוך ה׳ כל מעשיך, וחסידיך צדיקים עושי רצוניך ... כי לך טוב להודות ולשמך נאה לזמר׳**... עס האט נישט קיין ווערטער דאס צו קענען אראפגעבן.

ה. ווען דער רבי פלעגט מאכן **ברכת הנהנין**, געווענליך ביים סוגיא פארלערנען, און ביים פארהערן, האט מען אריינגעברענגט א טיי, און דער רבי האט געמאכט א ברכה, האב איך אויפגעפאסט אז יעדעס מאל וואס ער האט געזאגט דעם ׳שם׳ האט ער פארמאכט די אויגן.

ו. צומאל ביים פארהער פלעגט דער רבי געבן ׳פסקים׳ פאר בחורים וואס האבן נישט געקענט. עס איז נישט געווען אייניג יעדן פארהער.

איינמאל זייענדיג ביים פארהער האט דער רבי געפרעגט א בחור אויף א זאך ׳פארוואס איז דאס אסור׳, און דער בחור האט געענטפערט ׳דאס איז א חומרא׳. זאגט דער רבי ׳א חומרא איז אז די האסט נישט געלערנט׳...

דאס לעצטע פארהער וואס דער רבי האט פארהערט אין די ישיבה איז געווען ליל שישי משפטים תשכ״ח. יענע פארהער איז געווען מיט ׳מידת הדין׳, די בחורים וואס האבן נישט געקענט כראוי האבן געכאפט זייער שארפע פסקים פונעם רבי׳ן. עס איז געווען א מדובר נאכן פארהער אז מ׳געדענקט נישט אז דער רבי זאל זיין אזוי שארף ביי א פארהער.

ז׳ תתקצב) עס דערציילט אונזער יידע

**הרה״ח ר׳ אשר יעקב עקשטיין שליט״א** שו״ב

<u>דער רבי איז יא ביכולת צו מבטיח זיין...</u>

איך בין אמאל געגאנגען צוזאמען מיט מו״ר **כ״ק הגה״ק רבי משה ארי׳ פריינד זלה״ה גאב״ד ירושלים עיה״ק**, מבקר חולה זיין הרה״ח ר׳ יושע פריעדמאן ז״ל מחשובי אנ״ש אין ירושלים וועלכער איז געווען מוטל על ערש דוי.

האט ר׳ יושע דעמאלטס פארציילט א מעשה נורא וואס ער האט געהערט פונעם בעל העובדא. יענער איד האט געוואוינט אין אמעריקע נאך די מלחמה, און ער האט געהאט אסאך צרות ה״י, איז ער געגאנגען מערערע מאל זיך מזכיר זיין ביים רבי׳ן ז״ל, אבער ליידער האט זיך פארזוימט און די ישועה איז נישט געקומען.

איינמאל האט ער שטארק מפציר געווען, און ער האט געזאגט פאר׳ן רבי׳ן ״דער רבי מוז מיר מבטיח זיין א ישועה״. האט דער רבי געזאגט **״ווער זאגט אז איך קען בכלל מבטיח**

**זיין?**". האט דער איד געזאגט "און אויב וועל איך קענען איבערווייזן פאר'ן רבי'ן אז דער רבי איז ביכולת מיר מבטיח צו זיין א ישועה, וועט מיר דער רבי מבטיח זיין?!"

זאגט דער רבי, "**לאמיך הערן**".

האט ער דערציילט, אז זייענדיג אין לאגער האט ער מיט זיין חבר גע'גנב'עט א זאק קארטאפל, און די רשעים האבן באמערקט אז עס פעלט א זאק קארטאפל, האבן זיי צוזאמענגענומען אלע מענטשן פונעם לאגער, און געזאגט "אויב עס וועט זיך ארויסגעבן דער וואס האט גע'גנב'עט, הרג'עט מען נאר אים, אבער קיינער איז זיך נישט מודה, וועט מען אלעמען אויס'הרג'ענען". למעשה איז קיינער נישט געקומען זיך מודה זיין.

זעהנדיג דעם ביטערן מצב האט דער איד אפגעשמועסט מיט זיין חבר "מ'גייט דאך אונז סיי ווי אויס'הרג'ענען, לאמיר זיך גיין מודה זיין, וועלן מיר כאטש ראטעווען אלע אנדערע אידן".

די רשעים האבן זיי געגעבן א לעצטע אפציע, צו בעטן א בקשה בעפאר זיי ווערן געשאסן, האבן זיי געבעטן אז מ'זאל זיי לאזן גיין זיך געזעגענען פון זייערע מאמעס וואס זענען געווען אין א דערנעבענדיגן פרויען לאגער.

מ'האט זיי נאכגעגעבן, און זיי זענען געגאנגען צו יענעם לאגער, ווען זיין מאמע האט געהערט וואס דא טוט זיך, האט זי גע'חלש'ט.

ווען זי האט זיך דערמונטערט האט זי געשריגן "ניין, מ'וועט ענק נישט הרג'ענען! מ'וועט ענק נישט הרג'ענען!...

עס איז געווען א פלא, ווי ממש אין יענע מינוטן - נאך איידער די רשעים האבן געקענט אויספירן זייער גזר דין ה"י - זענען אריינגעקומען די מיליטער פון די אליאירטע ארמייען, די אמעריקאנער אדער רוסן - און די דייטשן האבן געהויבן פיס און געמאכט פליטה פון דארט, און די צוויי בחורים זענען ניצול געווארן.

האט ער נאכדעם געפרעגט זיין מאמע פון וואו זי האט געוואוסט אז זיי וועלן נישט גע'הרג'עט ווערן?

האט זי דערציילט אז ווען זי האט גע'חלש'ט האט זי זיך געזעהן שטיין פארן בי"ד של מעלה, און צווישן דעם בית דין האט זי דערקענט דעם רבי'ן, האט זי אנגעהויבן צו שרייען און וויינען "רבי, מ'גייט הרג'ענען מיין זון"...

האט איר דער רבי געזאגט "**ניין מ'וועט נישט הרגע'נען, מ'וועט נישט הרגע'נען, מ'וועט נישט הרגע'נען**"...

ווען דער איד האט דערציילט די מעשה איז דער רבי געווארן זייער בלאס, עס איז געווען נשתנה צורה.

דערויף האט אים דער רבי ווארים אנגעוואונטשן ברכות קדשו, און דער איד האט געהאט א ישועה למעלה מדרך הטבע.

---

**ז' תתקצג) עס דערציילט אונזער זיידע**

## הרה"ח ר' חנני' הכהן שווארץ הי"ו

---

### כצאן בלי רועה...

איך וויל דא איבערגעבן מיינע זכרונות פון כ"ו מנחם אב תשל"ט.

איך בין דעמאלטס געווען א משגיח אין 'מחנה רב טוב' נעפאנעק. זונטאג פר' שופטים צופרי זענען די קליינע קינדער אראפגעקומען אין עס זאל צו פרישטאג ווי געווענליך, און איך האב געטיילט עסן פאר די קינדער.

אין יענע יארן איז נאכנישט געווען קיין סעלפאונ'ס, און די גאנצע קאמיניוקאציע אויף די וועלט איז נאך געווען זייער אנדערש ווי היינט.

בערך 8:15 האט מען גערופן דעם מנהל המחנה הרב **החסיד רבי יודל הכהן ראזענבערג** ז"ל צום אפיס, ער האט דארט איבערגענומען דעם טעלעפאן און מען האט אים איבערגעגעבן די שרעקליכע בשורה.




מי לנו גדול מרבי יודל, דעם רבי'נס תלמיד פון סאטמאר, דבוק בלב ובנפש אינעם רבי'ן בכל נימי נפשו ולבבו, אבער זייענדיג א 'גענעראל' א מחנך צענדליגער יארן, און עס איז געווען מח שליט על הלב. איז ער אריין אינעם ריזיגן עס-זאל, ער נעמט די מייק און מיט זיין געווענליכע שטימע הייבט ער אן צו רעדן צו די קינדער בערך בזה"ל: **ס'איז געווען א הייליגער איד וואס האט געפירט אן עדה קדושה 60 יאר, ער האט אויפגעשטעלט מוסדות וכו' דאס איז אונזער הייליגער רבי, וואס איז יעצט געקומען די ידיעה אז דער רבי איז אוועק פון די וועלט"...**

איך שטיי דארט אין עס-זאל, איך הער וואס רבי יודל זאגט, דאס בלוט איז מיר פארפרוירן געווארן אין די אדערן הערנדיג די ווערטער, און רבי יודל זאגט ווייטער: **"קינדער, יעדער לייגט אראפ די קאפ אויפן טיש, און יעדער וויינט, ווייל דער רבי איז נפטר געווארן"**... די קינדער האבן אראפגעלייגט דעם קאפ, די עלטערע קינדער וואס האבן עטוואס באגריפן וואס זיי האבן יעצט געהערט, האבן אנגעהויבן צו וויינען, און צוביסלעך האט דאס איבערגענומען דעם גאנצן זאל...

רבי יודל שטייט מיטן מייק אין די הענט, און נאך עטליכע מינוט הייסט ער אויפהייבן דעם קאפ, און בארוהיגט די קינדער פארציילנדיג ווייטער פונעם רבי'נס גדלות כאילו מ'רעדט פן א פריערדיגן צדיק וואס איז אוועק 100 יאר צוריק.

איך האב דאס נישט אויסגעהאלטן, איך לויף ארויס פון עס-זאל אויפן פארטש, איך האב אויסגעבראכן אין א געוויין. איך געדענק ווי דער מלמד ותיק הרה"ג ר' **משה הכהן גראס ז"ל משארמאש** איז געקומען צו גיין, און פרעגט מיך "פון וועמען רעדט דארט רבי יודל?!"... איך האב איהם קוים געקענט ענטפערן און ער האט זיך דארט גענומען צו וויינען צוזאמען מיט מיר...

שפעטער דערציילט מיר מיין שוועסטער תחי' - א שנור ביי רבי יודל ע"ה - אז ווען די קינדער האבן געענדיגט עסן איז רבי יודל ארויף צו זיך אין באנגעלאו, און ער האט דארט אויסגעבראכן אין בכיות ויללות מיט קולי קולות א לאנגע צייט, וויינענדיג און קלאגנדיג אויפן חורבן פון כלל ישראל.

הערשט דאן האב איך אנגעהויבן צו באגרייפן דאס גדלות פון רבי יודל, וואס האט געהאט די געוואלדיגע כוחות הנפש זיך מתגבר זיין אויף רגשי לבו און נישט פארלוירן ווערן אין א קריטישע מינוט, נאר פארשטיין ווי אזוי עס איז דאס בעסטע אופן צו איבערגעבן די בשורה נוראה פאר די קינדער, זיי לאזן וויינען, און ווייטער אנהאלטן דעם פירערשאפט אז די זאך זאל בלייבן אין קאנטראל.

ב. צו קענען פארשטיין רבי יודל'ס געטריישאפט און מסירות נפש צום רבי'ן, וועל איך דערציילן איין עפיזאד, והפרט יעיד על הכלל.

עס איז געווען איינמאל אין קעמפ, ווען רבי יודל ז"ל האט זיך נישט גוט געשפירט, ער האט געהאט שטיינער אין די נירן, וואס האט אים פארשאפט גרויסע יסורים ל"ע, און האט אים געשטערט פון קענען זיין געהעריג צווישן די תלמידים.

איינמאל איז געקומען באזוכן אין קעמפ איינער פון די חשוב'ע בעה"ב פון די מקורבים ביים רבי'ן, און ער האט געזאגט פאר רבי יודל **"כ'קום יעצט פונעם רבי'ן, און כ'האב אייך מזכיר געווען פאר א רפואה שלימה"**.

רבי יודל איז געווארן אויס מענטש "פארוואס האט איר דאס געטון?! דער רבי קען האבן חלישות הדעת ער וועט מיינען אז דער קעמפ פירט זיך נישט געהעריג".

עס האט זיך ארויסגעשטעלט, אז רבי יודל, מיט זיין מסירות נפש פארן רבי'ן האט זיך די גאנצע תקופה איינגעהאלטן און ניטאמאל מזכיר געווען זיין מחלה פארן רבי'ן, כדי דער רבי זאל נישט האבן די מינדעסטע חלישות הדעת פון דעם אז דער קעמפ פירט זיך נישט געהעריג.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**